**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פאראדנט פובליק קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין ניו יארק צו אפפערן צוגעלייגטע זיכערהייט מיטלען פאר סטודענטן וועלכע באטייליגן זיך ביי שבת'דיגע תפילות

***קאמפוסן וועלן אפפערן א פארמערטע געזעץ אינפארסירונג אנוועזנהייט, מיטלען פאר אידישע סטודענט גרופעס וועלכע קומען זיך צוזאם פאר שבת תפילות***

***גאווערנער האט פאראדנט געזעץ אינפארסירונג איבערן סטעיט צו פארמערן אנוועזנהייט אין אנטווארט צו עפנטליכע באריכטן איבער א "טאג פון דזשיהאד"; קיין שום גלויבליכע דראאונג נישט אויפגעכאפט ביז יעצט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז פובליק קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין ניו יארק וועלן אפפערן צו צושטעלן א פארשטערקערטע געזעץ אינפארסירונג אנוועזנהייט און נאך מיטלען פאר סטודענטן וועלכע באטייליגן זיך ביי שבת'דיגע תפילות אויפן קאמפוס. דאס בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעבנקייט צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער זענען זיכער, נאכפאלגנדיג די שוידערליכע כאמאס אטאקע אויף מדינת ישראל לעצטע וואך.

"מיין הויפט פריאריטעט איז די זיכערהייט פון די פובליק, און איך בין פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז יעדער סטודענט אין ניו יארק פילט זיך פארזיכערט אויפן קאמפוס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "כאטש עס איז נישטא קיין גלויבליכע דראאונג פאר ניו יארק אין דעם צייט, דאך פארשטערקערן מיר די געזעץ אינפארסירונג אנוועזנהייט צו זיכער מאכן אז ניו יארקער קענען זיך זיכערערהייט צוזאמקומען און אפהאלטן שבת'דיגע תפילות."

אויף SUNY קאמפוסן האט טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר פאראדנט פאר די אוניווערסיטעט פאליציי קאמישאנער צו ארבעטן מיט אלע סטעיט-אנגעפירטע קאמפוסן דעם סוף וואך כדי צו זיכער מאכן אז עס איז דא פארשטערקערטע זיכערהייט פאר שבת'דיגע תפילות אויפן קאמפוס. אוניווערסיטעט פאליציי וועלן אויך ארבעטן מיט קאמיוניטיס צו זיכער מאכן אז סטודענטן וועלכע באטייליגן זיך ביי תפילות נישט אויפן קאמפוס וועלן אויך האבן די זיכערהייט מיטלען וואס זיי דארפן. די פולע מעסעדזש פון טשענסעלאר קינג צו אוניווערסיטעט פרעזידענטן איז פארעפנטליכט [דא](#).

פאר שבת'דיגע תפילות אויף CUNY קאמפוסן איז געזעץ אינפארסירונג שוץ פון לאקאלע NYPD פריסינקטס פארזיכערט געווארן, אין צוגאב צום פארמערן די CUNY פובליק זיכערהייט אנוועזנהייט, כדי צו זיכער מאכן אז די צוזאמקומען זענען זיכער און אז סטודענטן פילן באשיצט.

באמיאונגען צו באשיצן סטודענטן אויף קאלעדזש קאמפוסן בויען ארויף אויף גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו פארשטערקערן פובליק זיכערהייט אריבער ניו יארק נאכפאלגנדיג כאמאס'ס אטאקע אויף מדינת ישראל. פריער היינט האט גאווערנער האקול געגעבן א קורצע באריכט פאר די ניו יארק סטעיט

לעגיסלאטור, ניו יארק קאנפערענץ אָוו מעיארס און ניו יארק סטעיט אסאָסיעישען אָוו קאונטיס איבער אנגייענדע זיכערהייט מאסנאמען, און נעכטן האט זי אפגעהאלטן א פרעסע קאנפערענץ מיט ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס צו דעטאלירן די זיכערהייט מאסנאמען וואס זענען אוועקגעשטעלט אין פלאץ. די גאווערנער האט זיך באטייליגט ביי א באריכט ביי די ניו יארק סטעיט אינטעלידזשענס צענטער מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי און איז געווען אין פארבינדונג מיט די פאראייניגטע שטאטן סטעיט דעפּארטמענט צו פארזיכערן אז ניו יארקער וועלכע געפונען זיך יעצט אין מדינת ישראל קענען זיך אומקערן אהיים זיכערערהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418